# וְתִינוֹק לְלַמְדוֹ סֵפֶר

קטלא קניא

און צוואָנציג טויזנט חסידים. היינטצוטאָג איז קרית יואל אויך נאָך אַלץ דער צווייט אָרעמסטער יישוב אין גאַנץ ניו יאָרק.[6] דאָס איז אויך נישט פון היינט, און שוין אין 1975 זענען געווען אין סקווירא די שוואַכסטע פאַרדינערס פון גאַנץ ניו־יאָרק.[7]

קומט אויס לפי דעם אַז מיט אונזערע אַלע מאַגנאַטן, גבירים, געוועלבן און די אַלע געשעפטלעך און פרנסות פון וואו אחב״י ציען כלומר׳שט חיונה איז נישט נאָר אַז מיר זענען נישט מקיים ״אפס כי לא יהיה בך אביון״, נאָר מיר פראָדוצירן גאָר אביונים מער ווי איבעראַל. און נישט סתם מער נאָר די מערסטע פון אַלע.

אַ פיקח אחד וועט אַוודאי לאַכן אַז דאָס זענען סך־הכל אָפיציעלע פאַרדינסטן און ציפערן פון ״פוד סטעמפּס״ וכדומה, אָבער למעשה זענען זיי דאָרט גאָרנישט אַזוינע קבצנים, און בפרט אין קרית יואל. גייט קוקט אויף די קאָרס וואָס זיצן אין פאַרקיר־שטחים און די הייזער וואו זיי וואוינען מבית ומבחוץ, וועט ער (געוויינליך אַן ער) טענה׳ן, וועט איר זען אַז זיי פאַרמאָגן היפש מער ווי אַ צעקת הדל. נו, פרעג איך אייך, און ממילא? הייסט עס מען פרעגט מיך אָפּ אַז זיי זענען נישט באמת אָרעמעלייט נאָר גנבים און שקרנים. און דערפאַר איז מיין טענה אָפּגעשלאָגן מכל וכל ווייל די מוסדות הקדושים ציען אויף בלויז רויבערס אָבער פאַרדינערס זענען זיי, גאָט צו פאַרדאַנקען, אַלע שיינע בעלי־בתים. און הייסט עס אַז איך צוזאַמען מיט דער גמרא פון מלמדו ליסטות קענען בלייבן מיט דער צונג אינדרויסן.

אָט אַזאַ פנים האָבן די אַלע טענות פון די וואָס קענען נישט און ווילן נישט זען דאָס וואָס שיינט זיי אין די אויגן. ווייל היש לך ליסטות גדולה מזו? דאָס מיינט טאַקע די משנה ״וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה וגוררת עון״, ווי רש״י און דער רמב״ם זאָגן אַז מען האָט נישט צו עסן באַרויבט מען ביי אַנדערע.

אַז מען קוקט אָבער ברייטער זענען די טענות סיוּוי פיל מער לעכעריג. נישט יעדער איז פעאיג אָדער וויל זיין אַ סוחר, אַ סעילסמאַן, האַלטן אַ קלייט, אַ מלמד אָדער אַן עסקן. וואָס איז מיט אַרכיטעקטן, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, דאָקטוירים, פילאָטן, פיזיקער און אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס אין וואָס מען קען סיי מצליח זיין און סיי שפּירן אַ צופרידנקייט אַז מען נוצט די אייגענע

6. זעט דעם באַריכט אויבן פון ״יו עס עי טודעי״.
7. ״ניו יאָרק טיימס״, יולי 18, 1975.

טאַלאַנטן און כשרונות צו שטייגן אין לעבן? אַז מיר זענען טאַקע אַזוי מצליח מיט אַזוי ווייניג לערנען וואָלטן מיר דאָך געקענט איינעמען די וועלט ווען מען זאָל געהעריג לערנען און די געלעגנהייטן וואָלטן געווען טויזנט מאָל ברייטער און מער פאַרשפרייט. פרעגט אויך די מוצלחים צי עס שטערט זיי נישט אַז זיי קענען ווייניג און צי עס האַלט זיי נישט צוריק און זיי ציען מיט די פלייצעס אַז מען גיט זיך אַן עצה. אַ סך זענען טאַקע שטאָלץ, און מיט רעכט, אַז זיי קומען אויס און זענען מצליח טראָץ זייערע באַגרעניצונגען. פרעגט אָבער פאַרוואָס די באַגרעניצונגען זענען דאָרט לכתחילה און צי זיי וואָלטן נישט געקענט באַשטיין יאָ בעסער צו קענען און צום בעסטן וועט מען ענטפערן מיט דעם שיינעם מעשה'לע פון דעם גביר וואָס מען האָט נישט געוואָלט אָננעמען אַלץ שמש ווייל ער האָט נישט געקענט שרייבן.

נאָך אַן אָפט געהערטע טענה איז אַז תורה שאַרפט אויס דעם מוח פונקט ווי אַ קאַלעדזש־דיפלאָם און ממילא פונקט ווי אַ סך פון די אַקאַדעמישע לימודים זענען נישט למעשה'דיג און לשם אַ פאַך און דאָך זענען גראַדואַנטן מער מצליח, אַזוי אויך דאַרף תורה נישט זיין אַנדערש. עס ליגט טאַקע אין דעם אַן אמת און איך וועל מיך אָפגעבן דערמיט מער באריכות שפעטער. נאָר לגבי פרנסה איז די טענה גאָר אַ שוואַכע און אויבערפלעכליך.

ראשית־כל, דער פאַקט אַז מען קוועטשט לאַנגע שעה'ן במשך פילע יאָרן איבער אַ גמרא איז נישט קיין תירוץ אַז מען זאָל נישט קענען געהעריג שרייבן אויף קיין שום שפראַך ווי עס טרעפט זיך ביי אפילו אַ סך פון די לומדים. עס איז אויך נישט קיין תירוץ נישט צו קענען אפילו רעדן געהעריג ענגליש און רעכענען און זיך אַרומדרייען ווען מען איז עלטער מיט קוים דעם וואָקאַבולאַר פון אַ צוועלף־יעריג אינגל. אויסער דעם, אַז מען קוקט זיך אום זענען די מוצלחים אין ביזנעס גאַנץ אָפט פון די שוואַכערע לערנער און צומאָל עם־הארצים גמורים. דייקא די וואָס זענען ווייניגער מצליח אין לערנען גייען געוויינליך אַרויס אין מסחר. אַזוי אויך פאַרקערט - די וואָס שאַרפן זיך אויס די קעפ אויף גמרא זענען אָפט מיט אַ מער אַקאַדעמישער נייגונג און גאָרנישט די שאַרפע ביזנעסקעפ וואָס מען פאַרקויפט זיי צו זיין. תורה וגדולה במקום אחד איז אַ טיטל טאַקע פאַרדעם ווייל עס מאַכט זיך נישט פון זיי צופיל.

עס איז אויך דאָ אַ געוויסע סתירה ווען אַמאָל טענה'ט מען אַז דער ציל איז

תורתו אומנתו ווייל קינדער דאַרף מען צוגרייטן צו והגית בו יומם ולילה און פרנסה וועט שוין קומען פון הימל. ווייטער ווען עס לוינט זיך טענה'ט מען אויף פאַרקערט, אַז תורה גרייט צו דער קאָפ פונקט ווי לימודי חול און ממילא איז תורה גאָר אַ בִּמקום פאַר לימודי־חול.

די טענות זענען זיך אָבער סותר. ווייל אויב מען לערנט תורה ווייל כי הם חיינו און אַז מען האָרעוועט אין תורה און מען האָט בטחון וועט גאָט צושטעלן דעם רעשט, הייסט עס אַז די תורה איז נישט אַנשטאָט לימודי חול נאָר תורה מוז מען לערנען ווייל עס איז אַ מצווה. און פאַרדעם דאַרף מען זיך דערין פלאָגן אפילו אַז מען האָט נישט דערפון מער ווי "איזהו מקומן של זבחים".




ווייטער אויב איז די טענה אַז תורה איז טאַקע יאָ אַנשטאָט לימודי־חול און מיט תורה קען מען קונה זיין אַלע אַנדערע ידיעות, הייסט עס אַז מען לערנט תורה טאַקע אויפצוצוגרייטן צו אַ לעבן פון פרנסה. נאָר לפי דעם טאָמער וועט אויסקומען אַז מען קען זיך מער אויסשאַרפן געוויסע חושים און טאַלאַנטן מיט לימודי־חול און ביי דעם קען מען זיך אויך מער אויסברייטערן די ידיעות און פאַרשטאַנד וועלן די אַפּאָלאָגיסטן בעל־כרחך מוזן מודה זיין צו אונז און זיך באַלד זעצן האָרעווען אויף אַלגעברע און צו פאַרשטיין די־ען־עי.

נאָך מער, די טענה אַז תורה גרייט צו צו פרנסה, אפילו ווען עס זאָל זיין אמת, איז אויך פיין און וואויל פאַר אַדוואָקאַטישע קעפּ. פאַר זיי קען טאַקע זיין אַז דיני־תורה איז נישט אַנדערש ווי דער אַקאַדעמישער חלק פון

אַלגעמיינע ציווילע און קרימינעלע געזעצן פון דינא־דמלכותא. ווי די גמרא זאָגט טאַקע הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות, דאָס הייסט אַז געוויסע מסכתות און סוגיות שאַרפן אויס דעם קאָפּ און אַנטוויקלען דעם מוח, און די שאַרפקייט קען מען דערנאָך אויסנוצן צו אַנדערע זאַכן.

די פּראָבלעם איז נאָר אַז נישט יעדער איז אַ בעל־כשרון צו זיין אַ צוקונפטיגער אַדוואָקאַט מיט אַ פעאיגקייט צו קאָמפּליצירטע טעקסטן און אַקראָבאַטישע גג־על־גג פּלפּולים. בשעת ווען אין דער אַלגעמיינער וועלט איז דאָ אַ ברייטער אויסוואַל פון מעדיצין, פיזיק, כעמיע, היסטאָריע, ליטעראַטור, סאָציאַלער וויסנשאַפט און נאָך הונדערטער פעלדער פון וויסנשאַפט וואָס יעדעס איינע צווייגט זיך ווייטער אויס אויף נאָך הונדערטער אופנים, איז פאַרן חדר־אינגל, דעם ישיבה־בחור און דעם כולל־יונגערמאַן דאָ בלויז איין שטראָז פון געזעצן און דער אויסוואַל איז אינגאַנצן אין וועלכער צווייג פון די געזעצן. וויבאַלד אַ סך פון די געזעצן זענען נישט נוגע צו אונזער מאָדערנעם לעבן זענען אויך די לימודים ענליך באַגרעניצט, אַזוי אַז אַ גרויסער חלק האָט נישט קיין שום פּראַקטישע נוץ.

איז לפי דער טענה אַז די גמרא שאַרפט אויס פונקט ווי אַנדערע בילדונג, וויאַזוי וועלן זיי באַשעפטיגן די בעלי־כשרונות וואָס זענען נישט יוריסטיש און לעגאַליסטיש געשטימט? איז מען זיי פשוט מפקיר? זענען זיי נישט ראוי צו פאַרדינען וויבאַלד זייער קאָפּ שאַרפט זיך נישט אויס מיט חוקים ומשפטים? און ביי די קעפּ וואָס זענען יאָ צו דעם געאייגנט פאַלן אויך אַ סך



אַוועק ווייל אפילו זיי קענען נישט איבער דעם פאַרברענגען כמעט יעדע שעה פון יעדן טאָג איבער זייערע אַלע שולע־יאָרן, אָדער ווייל זיי דאַרפן עפעס מיט מער פראַקטיק דערצו. אַדוואָקאַטן אין דער ברייטערער וועלט לערנען פיל אַנדערע לימודים ביז זיי קומען אָן צו שטודירן געזעצן, משא"כ ביי אונז קען דער גמרא־"לויער" גאָרנישט עפעס אַנדערש ווי די אָ שמאָלע לימודים.

דערנאָך איז דאָ אַ מער כלליות'דיגע טענה. אַז מיר זענען אַ חלק פון אַ גרעסערער געזעלשאַפט און אַז די עקאָנאָמיע פון דער מדינה דאַרף פראָדוקטיווע און וויסנשאַפטליכע בירגער, איז למה נגרע? מיר געניסן פון דער מדינה און ממילא מוזן מיר אויך נושא־בעול זיין. די עקאָנאָמיע מוז בעל־כרחך האָבן אינזשענירן, מאַטעמאַטיקער, פראָגראַמירער און נאָך מומחים אין אַלערליי פעלדער וואָס אָן זיי קען מען קוים וואַרפן אַ קנעפל, און ווער רעדט נאָך פון פירן אַ מאָדערנע מדינה וואָס אָן זיי איז אי אפשר להתקיים אפילו שעה אחת. ממילא ווי אַ בירגער און אַ חלק פון דער מדינה מוזן מיר אויך צושטייער געבן מיט וויסנשאַפט און צוגרייטן אונזערע דורות אויף דער צוקונפט אויף לטובת־הכלל.

איך ווייס אַז אַזוינע טענות וועלן ביי אונז ווייניגער איבערצייגן און מען וועט זאָגן אַז די מדינה וועט זיך אַן עצה געבן אָן אונז. דאָס און אַנדער שפּעטערע פאַרענטפערט אָבער נישט די טענה. אַז מען וואוינט אין אַ רייכער מדינה און בפרט אין אַ מלכות של חסד ווי אונזערע געניסט יעדער דערפון, איז פאַרוואָס זאָלן מיר בלויז אַרויסנעמען און נישט אַריינלייגן?

אַנדערע ווייטער וועלן מאַכן אַ אידישקייט דערפון. אויף אונז האָט בלעם געזאָגט "הן עם לבדד ישכון" און מיר דאַרפן נישט זיין אַ חלק פון דער באַפעלקערונג. מיר דאַרפן נישט צושטייער געבן צו אונזער סביבה און כל־זמן מיר האָבן תורה און לחם לאכול דאַרפן מיר נישט עפעס אַנדערש.

מיט די איז שווערער זיך אויסצו'טענה'ן ווייל איינער וואָס האַלט בשיטה אַז מען דאַרף נעמען און נישט געבן וועט נישט וועלן אויסהערן טענות דווקא אויף פאַרקערט, דהיינו אַז מען נעמט אַרויס מוז מען אויך צוריק אַריינלייגן. זיי וועלן אויך נישט זען די סתירה אַז אויף צו "פליפן" "ריעל־עסטעיט"־געשעפטן איז דער עולם גאָרנישט אַזוי עם לבדד'יג און מען קויפט וואו נאָר עס איז דאָ צו פאַרדינען, נאָר אויף עפעס אויסצולערנען די קינדער אַז זיי זאָלן קענען פאַרדינען אויף אַ מער יישובו של עולם'דיגן פאַרנעם ווערט מען